בס"ד.

# פתח דבר

אנו מודים להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו,ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו החתן התמים הרב דוד דובער שי עב"ג הכלה מרת פנינה פערל תחי

התודה והברכה מובעת בזה לבני משפחותינו ידידנו ומכירינו שבאו מקרוב ומרחוק להשתתף בשמחתנו ולברך את צאצאינו בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות

בתור הבעת תודה לבבית והוקרה לכל הנוטלים חלק בשמחתנו מוגשת בזה תשורה מיוחדת – מיוסד על הנהגתו של כ"ק אדמו"ר מוהריי"צ שחילק תשורה בחתונת הרבי והרבנית – הכוללת: (א) תמונות מכ"ק אדמו"ר בהיותו מסדר קידושין אצל זקני החתן והכלה גם תמונות בהם נראים החתן והכלה? ליד הרבי (ב) מכתבים מהרבי להורים של החתן והכלה מזמנים שונים (ג) מכתבים מהרבי לזקני וזקנות החתן והכלה

האל הטוב הוא ית הוא יברך את כבודו ואת אנשי ביתו יחיו בתוך כלל אחב"י בברכות מאליפות מנפש ועד בשר ובמיוחד בברכה העיקרית שנזכה ללכת משמחה זו לשמחה העיקרית "שמחת עולם על ראשם" בקיום היעוד "מהרה ה"א ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה" וכ בגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו תיכף ומיד ממש

מוקיריהם ומכבדיהם

משפחות בעגון ויוניק

אור לי"א חשון תשע"ב

מאנטריאל קנדה



הרבי בעת סידור קידושין בחתנות סב החתן הרה"ת הרב יעקב ורעיתו בעגון שליח בס פאלו ברזיל

בס"ד.



החתן אצל הרבי בחלוקת דולרים

בגון- קונין-

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כ"ח תשרי תשמ"ו
ברוקלין, נ.י.

האברך הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' אהרן שי'
וב"ג תי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה מקביעות זמן חתונתם ליום כ"ז כסלו הבע"ל,

הנני בזה להביע ברכתי ברכת מזל טוב מזל טוב ושתהי' בשעה טובה ומוצלחת ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות.

בברכת מזל טוב
מזל טוב

מכתב להורי החתן לרגל חתונתם

בס"ד.

בגון - ד.א.

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

ב״ה, אדר״ח תמוז, תשמ״ח
ברוקלין, נ.י.

הרה״ח אי״א נו״נ עוסק בצ״צ וכו׳
מוה׳ אהרן שי׳

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אשר נולד להם בן למזל טוב,

הנה יהי״ר מהשי״ת שיכניסוהו לבריתו של אברהם אבינו, וכשם שיכניסוהו לברית כן יכניסוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ויגדלו ביחד עם זוגי׳ תי׳ מתוך הרחבה.

בברכת מזל טוב

מכתב להורי החתן לרגל הולדת החתן

בס"ד.

יוניק- מונטרעאל


RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.


ב"ה, ר"ח סיון תשי"ב
ברוקלין, נ.י.

הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' לוי יצחק שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אשר נולדה להם בת למזל טוב ונקרא שמה בישראל פנינה פערל תי',

הנה יהי"ר מהשי"ת שיגדלה ביחד עם זוגי' תי' לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבה.

-ידוע מכ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע, אשר מנהגנו הוא לאמר גם בלידת בת <u>לתורה</u> ולחופה ולמעשים טובים, ע"פ מרז"ל (ברכות יז' א) נשים במאי זכיין באקרוי' כו' באתנוי' כו' ונטרין כו'.

בברכת מזל טוב

מכתב להורי הכלה לרגל הולדת הכלה

בס"ד.

בעגון- ל.א.


מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

*RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON*
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250


ב"ה, טו' סיון תנש"א
ברוקלין, נ.י.

הרה"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ
מוה' אהרן שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה אודות יום הולדת השלישי של בנם דוד דובער שי',

הנה מועתק לקמן חלק ממכתב כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע בנוגע למנהגי ישראל בזה. ויה"ר מהשי"ת שיגדלו ביחד עם זוגי' תי' לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך הרחבה.

בברכה

וז"ל כ"ק מו"ח אדמו"ר.

......ובדבר גזיזת השערות -אפשערעניש- הוא דבר גדול במנהג ישראל ועיקרו הוא בהחינוך דהשארת פיאות הראש, ומיום הגזיזה והנחת הפיאות של הראש, נהגו להדר להרגיל את התינוק בענין נשיאת ט"ק וברכות השחר וברכת המזון וק"ש שעל המטה. והשי"ת יהי' בעזרם שיגדלוהו לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך פרנסה בהרחבה ובמנוחת הדעת בגשמיות וברוחניות.

מכתב לרגל האפשערעניש של החתן

SCHNEERSOHN
Liubavitsch
z. Z. Riga, Lettland.

יוסף יצחק שניאורסאהן
ליובאוויטש
זמני, ריגא — לטביא.

כאשר זיכני השי"ת בנשואי בתי הכלה המהוללה מ' חי' מושקא תי' עם ב"ג החתן ש"ב הרב"מ מנחם מענדל נ"י בן הרה"ג המפורסם מוהר"ר לוי יצחק שליט"א שניאורסאהן החופה תהי' בעזה"י למז"ט ביום השלישי ארבעה עשר לחודש כסלו הבע"ל, בחצר של הישיבה "תומכי תמימים" דליובאוויטש יצ"ו אשר בעי"ת ווארשא יע"א, הנני בזה לבקש את ידידי אשר יואיל נא לקחת חבל בשמחתינו, ויברך נא את הזוג הנ"ל כי יבנו בית בישראל על יסודי התורה והמצוה, מאושרים ומוצלחים בדור ישרים יבורך בכל טוב בגו"ר, בזכות הוד כ"ק אבותינו רבותינו הק' זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע ועל כל ישראל יגן עליהם יחיו.

Warschau, Rabbi Schneersohn אדרעס לטעלעגראם:

הזמנה מכ"ק אדמו"ר מוהריי"צ לסבא של סב החתן הרה"ח ר מנדל קונין ז"ל לחתונת הרבי

# יצחק הלוי הורוויץ

בא־כח כ"ק אדמו"ר שליט"א מליובאוויץ

ב"ה יום.........לחודש..........שנת תרצ"......

[illegible]

[illegible]

### אהובי כנפשי

[illegible]

[illegible]

מכתב מהרב החסיד הנודע בכינוי "איצה דער מתמיד" סבא של מרת שיינדל בעגון סבתא של החתן אל הרב מנדל קונין סבא של הרה"ח ר שלמה קונין סב החתן

770 EASTERN PARKWAY • BROOKLYN 13, N. Y.

ב"ה, י"ב אדר תש"י
ברוקלין.

כבוד ידידנו הנעלה וו"ח אי"א
מוה"ר מ׳מענדיל שי׳ שו"ב קונין.

שלום וברכה!

דערמיט באדאנקן מיר אייך הערצליך פאר אייער איינטייל אין דער אסיפה דעם פארגאנגענעם מיטוואך ה׳ אדר תש"י (2/22/50) און אייער ווארימען אפרוף אויף דעם הייליקן צוועק, אייער ביישטייערונג אויף דער סומע פון 3000$ (דריי טויזענט דאללאר) געבענדיג דערמיט א גוטן ביישפיל אויך פאר די אנדערע.

און וויסענדיק די דרינגענדע נויטיגקייט פון דער זאך וועט איר געוויס אנשטריינגען אלע מעגליכקייט צו אריינברינגען די סומע ווי אמשנעלסטן, וברכות יחולו על ראשו.

בתודה וברכה,
הרב שמואל הלוי לעוויטין

הרב משה ליב ראדשטיין,
מזכיר.

מכתב להרב מנדל קונין הנ"ל



RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, שלהי אלול, ה'תשי"ג
ברוקלין, נ.י.

הוו"ח אי"א נו"מ וכו'
מו"ה דוב בער שי'

שלום וברכה!

צום אנקומען פון דעם נייעם יאהר, הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה ולברכה, ווינטש איך אייך און אלע אייערע שיחיו א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות.

זיכער ווייסט איר, אז
יעקב שי' לערנט אף הוראה
והשי"ת יצליחו.

בברכה

מכתב  לסב אבי החתן הרה"ח ר דובער בעגון ז"ל. בכתי"ק "זיכער ווייסט איר, אז יעקב שי' (סב החתן) לערנט אף הוראה והשי"ת יצליחו."

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, א' תמוז תשי"ב
ברוקלין

מרת רחל תחי'

ברכה ושלום!

איך בין געווען צופרידען צו באקומען אייער בריף פון יום ו' פ' שלח אין וועלכער איר שרייבט, אז נאכן איבערקלערן די פראגע פון די ערציהונג פון אייער קינדער שי', זייט איר מיט אייער מאן שיחיו געקומען צו באשלוס, צו שיקען זיי אין דער ליובאוויטשער ישיבה, און גיט צו, אז איר האט געקעמפט מיט דעם געדאנק, ווייל די קינדער זיינען בא אייך זייער טייער:

איך וויל ווידערהאלען דאס וואס איך האב אייך געזאגט מינדלעך, אז איר באדארפט גארניט קעמפען מיט זיך וועגען דעם, אין געגען טייל, ווייל די קינדער זיינען בא אייך טייער, איז דאך זיכער אז איר ווילט דעם מאקסימום וואס איר קענט זיי געבען, און בפרט אין דער פראגע פון חינוך, וועלכעס שטעלט אוועק און ווירקט אויף דעם גאנצען לעבען, און מיט דעם וואס איר גיט זיי אריין אין איינע פון די בעסטע ישיבות פון דער וועלט, איז דאך זיכער אז דאס וועט זיי גוטעס טאן אין זייער לעבען, אפילו אין אזעלכע פאלען וועלכעס פארלויפיג, קען מען זיך ניט פארשטעלען, און איך בין אויך זיכער, אז אין פאלויף פון א קורצער צייט וועט איר אליין איינזעהען די ראטזאמקייט און גוטסקייט פון אייער באשלוס וועלכען איר האט געפאסט.

וואס אנבעלאנגט אייער פראגע צי זאלט איר נעמען א באשעפטיגונג, בכדי צו פארקלענערען דורך דעם די בייגקשאפט צו די קינדער שיחיו - דער ערשטער באדינג אין דעם איז, איר דארפט וויסען אויף וויפיל אייער געזונט ערלויבט אייך דאס צו טאן, און אויב איר דיינקט אז עס וועט ניט שאדען ח"ו צו אייער געזונט, איז אפשר ראטזאם איר זאלט זיין באשעפטיגט אדער ארבעטן עטליכע שעה א טאג (full time).

עס האט מיך געפרייט צו לייענען אין אייער בריף, אז איר האט באשלאסען צו פארגרעסערן אייער געלאסענקייט און געדולד א.א.וו. וואס דאס איז איינע פון די באוויזען, אז א מענש לעבט א אינטעלעגענטן לעבען און שטרעבט שטענדיג אויסבעסערען זיך אין מדות טובות, אין דער הויז פירונג און אין דעם איינווירקען אויף דער אומגעבונג,

איך ווינש אייך אז אייער הויז זאל זיין א אמת'ע אידישע חסידישע הויז, און איר און אייער מאן שיחיו זאלט האבען אידישן נחת פון אייערע קינדער שיחיו.

בברכה

נ"ב: אייער נדבה איז איבערגעגעבען געווארען צו דעם מרכז לעניני חינוך, וועלכער טוט אויף דעם געביט צו אויסבעסערן דעם חינוך פון אידישע קינדער, און דאס וועט אייך ממשיך זיין ברכה אין דעם חינוך פון אייערע קינדער שיחיו.
בייגעלייגט איז א קאפיע פון מיינעם א בריף, אין פארבינדונג מיט וואקיישאן צייט, וואס איך דיינק, אז איר וועט דאס קענען אויסניצען צו איינווירקען צום גוטן אויף אייער באקאנטע.

מכתב לסבתא של אם החתן מרת רחל קונין אם הרה"ח ר' שלמה קונין

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, אדר"ח מ"ח תשי"ג
ברוקלין.

מרת רחל תחי'

ברכה ושלום!

מיט פארגעניגן האב איך באקומען אייער בריף פון ה' פרשת בראשית, מיט דאס בייגעלייגטע, און איך האף אז איר האט נחת, און פיל נחת - פון דעם פאקט וואס אייערע קינדער שיחיו גייען אין דער ישיבה, און השי"ת זאל העלפען, אייך און אייער מאן שיחיו, אז דער נחת זאל וואקסען צוזאמען מיטן וואקסען פון אייערע קינדער, אידישן נחת חסידישן נחת.

איך האף אז איר האט געהערט זייענדיג אין סוכה, וואס עס האט זיך גערעט וועגען דער ארגאניזירונג פון נשי ובנות חב"ד, ד.ה. אלע פרויען וועלכע האבען וועלכע איז שייכות און פארבונד מיט חב"ד, אז פון צייט צו צייט זאלן זיי זיך צוזאמענקומען און צוזאמען לערנען די דינים וועלכע זיינען נוגע צו הויז פירונג, ענינים וועלכע קענען ארויסהעלפען צו פארבעסערן דעם חינוך פון די קינדער, אויך לערנען פון דער סדרה פון דער וואך, די שמועסן פון מיין שווער כ"ק אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע און ענליכעס, איז אויב דארט וואו איר וואהנט, איז א אידישער סעקשאן, וואלט גלייך געווען איר זאלט זיך פאר=אינטערעסירן אין דער מעגליכקייט צו ארגאניזירן אזא גרופע, און איך האף, אז מיט א פאסענדען צוגאנג צו דער זאך, וועט איר געפינען די וועגען ווי צו טאן דאס, און עס איז באוואוסט דערווארט וואס מיין שווער כ"ק אדמו"ר האט געזאגט, אין נאמען פון זיין פאטער כ"ק אדמו"ר, אז חזקה לתעמולה שאינה חוזרת ריקם,

בברכה להמצטרך לה ולבעלה שיחיו

[signature]

עוד מכתב לסבתא של אם החתן הנ"ל

בס"ד.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 EASTERN PARKWAY
BROOKLYN 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, כ"ח מרחשון, ה'תשי"ג
ברוקלין, נ.י.

מרת רחל תחי' קונין

ברכה ושלום:

אייער בריוו פון יום ה' לך לך איז אָנגעקומען.

איך דאנק אייך וואָס איר שרייבט מיר וועגן די ענינים וואָס מען דארף פארריכטן אין דער ישיבה דאָרמיטאָרי. וועגן מיין עגמת נפש דערפון דארפט איר זיך ניט איבערעכענען, דערפאר וואָס די חסרונות אליין זיינען גרעסערע עגמת נפש, און ס'איז כדאי א צייטווייליקע עגמת נפש כדי צו מתקן זיין און פארמיידן א לאנגע עג"נ.

זיכער ווייסט איר, אז די אמת'ע סיבה פון די חסרונות וועגן וועלכע איר שרייבט, איז צוליב דעם דוחק אין געלט מיטלען. פונדעסטוועגן, וועל איך ציען די אויפמערקזאמקייט פון דער הנהלה דערצו, און זיכער וועט מען אָננעמען שריט צו פארבעסערן דעם מצב אויף ווי ווייט מעגליך.

בברכה צו אמת'ן נחת אין אלץ

ביילעגנד איז א קאָפּיע פון מיין בריוו צו „ארגון נשי ובנות חב"ד". עס וואָלט געווען כדאי, ווען איר קענט זיך פאר־אינטערעסירן אין אייערע קרייזן און טעקשאַן צו טאָן אויף דעם געביט פון א פרויען אָרגאניזאציע. וועגן אינפאָרמאציע בנוגע דער מעכנישער זייט דערפון-האט איר זיך געדארפט שטעלן אין פארבינדונג מיט די וואָס ארבעטן שוין אין דרויף, ספעציעל מרת ביסטריצקי, וועמענס אדרעס איז:

Mrs. L. L. Bistritzky
4815 - 15th Ave. Bklyn 19, N.Y.

עוד מכתב לסבתא של אם החתן הנ"ל

בכתי"ק "צו אמת'ן נחת אין אלץ"

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, ה' אייר תשי"ג
ברוקלין

מרת רחל תחי'.

שלום וברכה!

איך בין געווען צופרידען צו באקומען אייער בריף פון ר"ח אייר, אין וועלכען איר שרייבט, אז איר האט ג-ט דאנק נחת פון די קינדער, און זעהט אויך דאס גוטע וואס די ישיבה האט זיי געטאן אין אלגעמיין, און השי"ת זאל העלפען אז לאריכות ימים ושנים, זאלט איר מיט אייער מאן האבען נחת פון זיך אליין און פון אייערע קינדער חסידישען נחת.

וועגען אייער פראגע, צי זאלט איר שוין אנהויבען מאכען די הי' פיבער איינשפריצונגען, צו אייערע קינדער, ווי איר פלעגט דאס טאן.

לויט מיין מיינונג, דארפט איר נאך אמאל ריידין מיט דעם דאקטאר, אז אפשר קען מען אויסקומען אן דעם, און אויב דער דאקטאר וועט וועלען זיין שטריינג אין דעם, איז אפשר וואלט געווען גענוג מיט ווייניגער איינשפריצונגען ווי ביז יעצט, אבער וויבאלד אז איר שרייבט אז אויף זומער דיינקט איר ארויספארען פון שטאט, איז אפשר דארפמען דאס אינגאנצען נים.

איר דארפט זיך ניט ענטשולדיקען פארן שרייבען צו מיר, ווארום ווען מען שרייבט אפילו צו מיר ניט קיין פריילכע בשורות, ר"ל, בין איך צופרידען מיט וואס און וויפיל איך קען לויט מיינע כחות צו העלפען און פארגרינגערען, און בפרט צו באקומען בשורות אז עלטערען האבען נחת פון אידישע קינדער, איז דאס זייער אייגענעם און ערפרייענד צו לייענען.

מיט א וואונש צום גוטען געזונט און צו זעהען חסידישן נחת פון אייערע קינדער שיחיו
מתוך הרחבה

עוד מכתב לסבתא של אם החתן הנ"ל

יקונין= בראנקס

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין נ. י.

ב"ה, י"ב טבת תשי"ד
ברוקלין

מרת רחל תחי'

ברכה ושלום!

איך בין געווען צופרידען צו באקומען אייער בריף פון יום ג' אין וועלכען איר שרייבט אז אייערע קינדער זיינען אין גוטען געזונט און לערנען בהתמדה, און השי"ת זאל העלפען אז איר מיט אייער מאן שיחיו זאלן האבען פון זיי פיל אידישן חסידישן נחת, און אויפנעמען דאס מיט גוטען געזונט און מיט א פריילעכער הארץ און פרנסה.

איך בין אויך געווען צופרידען צו דערוויסען זיך, אז איר נעמט אייניטייל אין א סיסטערהוד, און איך האף אז איר וועט טאן צו פארבעסערן דעם מצב ברוחניות, און מיין האפנונג וועט פארשטארק דורכן לייענען אייער ארטיקעל אין וועלכען איר שרייבט וועגען די גייסטיקע ויטאמינען, וואס דאס איז איינע פון די זאכען וואס אין אמעריקא דארפמען דאס באווארענען אויף טריט און שריט, אז מען זאל ניט דיינקען אז מיט צדקה גשמית קען מען שוין יוצא זיין אלע תרי"ג מצות, וואס ווי פיל עס זאל ניט זיין גרוים די מצוה פון צדקה, ביז עס ווערט אנגערופען מצוה סתם אפילו, דאך זיינען פראן אבער נאך 612 מצות וועלכע מען מוז מקיים זיין, און צווישען זיי, אפהיטען שבת, כשרות, טהרת המשפחה און נאך און נאך, און וויפיל מען זאל ניט ווידערהאלען און ריידין וועגען דעם, איז נאך אלץ ניט גענוג און עס דא גענונג נויטיקייט צו ווידערהאלען דורכאוים, און ספעציעל ווען מען דאס זאגען אין ענגליש און מיט די פאסענדע ערקלערונגען, און השי"ת זאל אייך העלפען און מצליח זיין אויך אין דעם.

בברכה

עוד מכתב לסבתא של אם החתן הנ"ל

בס"ד.

בעגון = בופאלא

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה. כא' אלול תשי"ד
ברוקלין

האברך הוו"ח אי"א נו"נ
הרב מוה' יעקב שי'

שלום וברכה!

אין ענטפער אויף דיין בריף אין וועלכען דו שרייבסט וועגען דער בעסערונג פון דער ישיבה אחי תמימים אין בופאלא, הרי יהי רצון מהשי"ת אז עס זאָל אראָפּקומען אין א בפּועל ממש, און די ישיבה זאָל וואקסען, פי' בכמות און סיי באיכות.

וועגען דיין פראגע אין די אופני הלימוד דארטען מיט די כתות און ווי זאָל זיין מיט ראש השנה, דארפסט דיך צונויפשרייבען מיטן מרכז תומכי תמימים וועגען דעם.

ולקראת השנה החדשה הבאה עלינו לטובה ולברכה הנני בזה להביע ברכתי לו שיכתב ויחתם לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות ולהסתדרות טובה בקרוב ממש.

בברכה

בעגון = בופאלא

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה. כג' סיון תשט"ו
ברוקלין

האברך יעקב שי'

שלום וברכה!

עס איז אנגעקומען דיין בריף פון 6/10, און עס וואונדערט מיר וואס דו דערמאנסט ניט וועגען דיינע שיעורים בנגלה וחסידות, נוסף אויף די דריי שיעורים בהוספשתהלים ותניא הידועים.

איך בין געווען צופרידען צו לייענען אין דיין בריף וועגען דיין באגעגעניש מיט מר חיים ישראל שי' מאס, און דיין השפעה אויף זיין זון און זיכער וועסטו דו זוכען א געלעגענהייט צו באגעגענען זיך מיט עם און מיט זון, נאך אמאל, און זעהען צו פארשטארקען דאס וואס עס האט זיך געגרעט בא דעם ערשטען מאל, און אז ער זאל מוסיף זיין אין תורה ומצות פון צייט צו צייט, און עס איז דאך ידוע, אז כל המוסיף מוסיפין לו.

בברכת הצלחה בכל הנ"ל ולבשו"ט

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א
ח. קווינט
מזכיר

שני מכתבים לסב החתן הרה"ח ר יעקב בעגון

בס"ד.

בעגון= בופאלא

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה. יג' אדר תשט"ו
ברוקלין

האברך יעקב שי'

שלום וברכה!
במענה על מכתבו בו מודיע אודות יום הולדת שלו.

ובודאי נהג במנהג אנ"ש בשנים האחרונות ביום ההולדת. בנתינת צדקה לפני תפלת שחרית ומנחה,(או ביום שלפניו כשחל יום ההולדת בש"ק או ביום טוב),לימוד שיעור נוסף הן בתורת הנגלה והן בתורת החסידות,עלי' לתורה ביום ההולדת או בשבת שלפניו,ולימוד שלשת השיעורים הקבועים ליום זה =בחומש תהלים ותניא=

הנה יה"ר מהשי"ת שתהי' שנת הצלחה אצלו הן בגשמיות והן ברוחניות ובפרט בהסתדרות המתאימה לפניו בכל מכל כל.

בברכה

עוד מכתב להנ"ל

בס"ד.

בעגון-פארסא אלערגא


מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250


ב"ה. ז' אד"ר תשי"ז
ברוקלין

הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
הרב יעקב שי'

שלום וברכה!

במענה על שני מכתביו מכ"ו וכ"ח שבט-בם כותב אודות ההצעות השונות אשר קבל מאנשי פארסא אלערגא ועסקני'.

והנה ענין בית הספר שלומדים בו כמה מאות ילדים והמנהל הוא, כפי כתבו, אינו שומר תומ"צ וכו', - לדעתי לע"ע אין כדאי שיכנס לשם בחור מקבל מהמנהל, כי אז רחוק מאד שיוכל לשנות הענינים לע"ע ויש מקום לחשש שישתמשו בו בחור הכשר על כל הנהגות בית הספר. משא"כ אם עסקו יהי' ענין אחר אלא שישפיע להיטיב ככל מה דאפשר בעניני ביה"ס ולא יהי' תלוי בהם בעניני פרנסתו, בודאי ישמעו יותר לרצונו ולהוראותיו, ולא יוכלו להכשיר כל הנהגתם ולאמר שזהו בהסכמתו, שהרי לא יהי' מהאנשים האחראים לעניני ביה"ס. אין הנ"ל שולל אשר לעתים קבועים ילמוד בביה"ס לימוד דתי, ובלבד שיהי' באופן שלא יהי' מקום לחשש הכשר ואם יש להזהר מזה-אדרבה נכון הענין כיון שעי"ז ידע מה שנעשה ויוכרחו להשמע להוראתו. ועוד-לאחר שיוצא ונכנס בביה"ס ובכ"ז אינו מקפח פרנסתם וכבודם וכו'-גם זה יועיל להגדלת השפעתו שם.

בהנוגע להצעת הרבנות מב"כ כמה מהבתי כנסיות, = בכלל נכונה ההצעה במאד. אלא שאינו ברור במכתבו, אם זהו ענין של מחלוקת או שלום. ובכל אופן-יש להתענין בזה באופן שיפרש כוונתו שאינו רוצה ללחום במי שהוא ולנהל מחלוקת, אלא למלאות תפקיד רב בקהלתו ועדתו, זאת אומרת לחיזוק היהדות והפצתה. ובטח אפילו אם כוונת המציעים היא לענין של מחלוקת, יש לסבב הדברים שלא יהי' מקום לזה, באם ימצא כמה בע"ב שיעמדו לימינו באופן עבודה מבלי להכנס למחלוקת. ואף שפשוט שהעבודה צ"ל בתוקף הדרוש-בעניני דת-מבלי להכנס לפשרות, אלא שזה גופא יעשה בדרכי שלום ונועם. ובכדי שתהי' ההשפעה חזקה יותר מובן שצ"ל אצלו חוזה (קאנטראקט) בכדי שלא יוכלו איזה מהם לומר שאינם שבעים רצון ומתחרטים-שבאופן אחר (אם לא ע"י קאנטראקט), קשה להזהר מזה, כיון שאין דיעותיהם שוות, ומבין חברי קהלה אי אפשר שלא יהי' אחדים בדיעות משונות.

לאחר כל הנ"ל שכנראה ממכתבו הצעת הרבנות היא היותר קרובה, בכל זה טוב שיבקר עכ"פ ליום או לשנים בריא, ויראה גם שם המצב במקום, ונוסף על נחיצות הדבר מצד עצמו לדעת המצב שם, ובטח יש אפשריות להשפיע בענינים שם אפילו אם יהי' מקומו בפארסא אלערגא, הנה גם לגבי הבע"ב דפארסא אלערגא טוב שיראו שאינו תלוי רק בהם ויש לו אפשריות אחרת, וק"ל. מובן שאין צריך איבערציהען די שטריקל, ולכן לא להמשיך בהמענה להבע"ב יותר על המדה, אבל בטח שהותו ימים אחדים בריא לא תשנה בזה.

בברכה אשר השגחה העליונה תעמיד אותו וזוגתו תי' על חלק היפה שלהם, ויזכו להפיץ יהדות בכלל וחסידות ביחוד בחלקם בעולם ככל הדרוש מתוך הרחבת הדעת ובריאות הנכונה.

המחכה לבשו"ס

כנ"ל

בעגון-סא פאולא

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

כ"הפה' מנ"א חש"כ
ברוקלין

הרה"ח אי"אנו"נ וכו'
מוה' יעקב שי'

שלום וברכה!

במענה למכתבו מר"ח מנ"א, ובטח בינתים נתקבל מכתבי מענה על מכתבו הקודם,

במ"ש אודות הוראות,= כמדומה כתבתי כ"פ שבהר' תלוי בתנאי המקום, והוראות כלליות בהנוגע למוסדות כנ"ל-ידועות ומפורסמות, שהרי כו"כ מוסדות ישנם כהנ"ל.

ובעמדנו בחדש מנחם אב, שכשמו כן הוא, אשר אבינו שבשמים מנחם את כאו"א מבנין/ידי בכורי ישראל, ובנים אתם לה' אלקיכם, תמורת אותם הענינים שקרו במשך ימים ושבועות אלו, יהי רצון שיראה כל זה גם לעיני בשר ובטוב הנראה והנגלה, בנין תחת חורבן, ובאופן דופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה, תמורת בין המצרים, בעגלא דידן ע"י משיח צדקנו.

בברכה לבשו"ט בכל האמור

בעת רצון אזכיר את אביו שליט"א על ציון כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע.

באם לא יוגרע בעניני החינוך מטה"ק ע"י נסיעתו לכאן לחה"ס, ותהי בהסכם זוג' תי' - נכונה הנסיעה ותהי להצלחה בגו"ר.

בעגון=סא פאולא

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-8250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, ימ' תמוז תשכ"א
ברוקלין

הרה"ח אי"א נו"נ וכו'
מוה' יעקב שי'

שלום וברכה!

לאחרי הפסק הכי ארוך נתקבל מכתבו מי"ד תמוז, וגם לאחרי קריאת מכתבו מובנת הפליאה אודות ההפסק הגדול.

ולכתבו אודות נחיצות המוסד וכו', לפלא הספק והשאלה בזה. ובפרט בימים אלו, לאחרי ימי הסגולה ימי הגאולה יב' ויג' תמוז, שידוע עד כמה מסר נפשו הט' כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא ישראל על ענין החינוך על טהרת הקדש אפילו כשהי' בדבר סכנות נפשות ממש, ר"ל, ועאכו"כ ההשתדלות והיגיעה שצריכה להיות ולהשקיע בזה כשנמצאים במקום שאין בזה כל סכנה, ואדרבה.

וכיון שכאמור לעיל הענין טוב ונחוץ הוא, וזכות הרבים מסייעתם, בודאי שיהי' בהצלחה בכמות ובאיכות, ובלבד שימשיכו העבודה בזה במסירה ונתינה, וכהוראת חז"ל יגעת ומצאת.

בברכה לבשו"ט בכל האמור ומהוספה הן בכמות והן באיכות, מתוך שמחה וטוב לבב, דהמוסד הק' אהלי יוסף יצחק שזכו והצליחו לייסדו במחנם הט'

נ.ב.

לכתבו אודות מכתב לד"ר לאקס שי', בכלל הנהוג בזה-לכתוב כשמתקבל איזה מכתב מהנ"ל-שאז מקום למענה. עכ"פ כשיבוא הנ"ל בחתומים עם עוד מי שהוא, ובטח יודיע הוא אם יהי' המענה בלה"ק או באידית. ובכלל-מעמד ומצב הנ"ל בעניני תורה ומצות

כנ"ל בכתי"ק "בהמוסד הק"אהלי יוסף יצחק" שזכו והצליחו לייסדו במחנם הט' "



בעגון־סאו פאלא

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כ"ז ניסן תשכ"ב
ברוקלין

מדה שינדיל תי'

ברכה ושלום!

במענה על הודעתה אודות מצבה,

השי"ת ימלא ימי הריונה כשורה ובנקל ותלד זחו"ק בעתה ובזמנה כשורה ובקל.

בטח ידועה מהוראת כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע שעד שתכנס לחודש החמישי להריונה לא תפרסם עד"ז.

בברכה

מכתב לאם אבי החתן

בס"ד.

קונין־ ל.א.


מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פּאַרקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250


ב"ה, כ"ג כסלו תשכ"ז
ברוקלין

הוו"ח אי"א נו"נ עוסק בצ"צ
מוה' ברוך שלמה אלי' שי'

שלום וברכה!

במענה על הודעתו אשר נולדה
להם בת למזל טוב,

הנה יה"ר מהשי"ת שיגדלה ביחד
עם זוג' תי' לתורה ולחופה ולמעשים טובים
מתוך הרחבה.

ידוע מכ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב)
נ"ע, אשר מנהגנו הוא לאמר גם בלידת בת
לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ע"פ מרז"ל
(ברכות יז' א) נשים במאי זכיין באקרוי'
כו' באתנוי' כו' ונטרין כו'.

בברכת מזל טוב

מכתב לסב החתן לרגל הולדת אם החתן

בס"ד.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, י"א ניסן ה'תשכ"ח
ברוקלין, נ.י.

הרה"ח אי"א נו"נ כו'
מו"ה נפתלי שי' שו"ב

שלום וברכה!

מכ'-פ"נ מו' אדר נתקבל. ויקרא עה"צ הק'.

ולקראת חג המצות, זמן חירותנו, הבא עלינו ועל כל ישראל לטובה, הנני בזה להביע ברכתי לחג כשר ושמח ולחירות אמתית, חירות מדאגות בגשם ומדאגות ברוח – מכל דבר המעכב עבודת ה' בשמחה ובטוב לבב.

ולהמשיך מחירות ושמחה זו בימי כל השנה כולה.

ובפרט שעבודת השם, כמצווה עלינו בתורתנו תורת חיים, הרי היא בכל עניני האדם ובמשך כל היום וכל הלילה, וכמו שנאמר בכל דרכיך דעהו.

בברכה (בקשר ליום ההולדת) לשנת הצלחה בכל

ובברכת החג

הפ"נ (והרשימה) נתקבלו בעתם.

מכתב מהרבי לסבא של אבי הכלה הרה"ח ר נפתלי יוניק ז"ל. למטה בכתב יד קדשו "בברכה (בקשר ליום ההולדת) לשנת הצלחה בכל" בצד ימין "הפ"נ (והרשימה) נתקבלו בעתם." הכונה שהיה שולח לרבי רשימת זכרנות (ע"פ בקשת הרבי)ממה שקיבל מר' הלל סאלאצאווקי, (הרה"צ ר' הלל מפאריטש הי' דודו זקנו של ר' הלל הנ"ל,וכנראה שחלק מזה הם סיפורים אודות הרה"צ ר 'הלל מפאריטש שנדפס בכפר חב"ד ע"י ר"י מונדשיין .)במשך עשר שנים שהיה שו'ב בפרילוקי הי' מושפע במאד ממנו ואף נתקרב ע"י לחסידות חב"ד, (והי' אומר שזה הי' השנים הטובות ביותר). אף ציוה לכתוב על מציבתו שהי' תלמיד של ר' הלל סאלצאווסקי

יוניק=מרנטה

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כ"ה שבט תשי"כ
ברוקלין

הוו"ח אי"א נו"נ וכו'
דוד אלי' משה שי' שוק

שלום וברכה!

במענה למכתבו מאור ליום השני,

ידוע המנהג בישראל, אשר בהנוגע לזמן ולמקום החתונה-על המחותנים משני הצדדים להתדבר ביניהם. ויהי רצון שאיך שיחליטו יהי' בשעה טובה ומוצלחת ובמקום טוב ומוצלח. ולאחרי שיחליטו בהאמור הרי אז יחליטו גם בהנוגע לניירות ותעודות הדרושות(כמובן, בהתיעצות עם עו"ד המתעסקים בזה).

מובן וגם פשוט, אשר ההצעה שיגמור עכ"פ חלק הראשון דיו"ד ולקבל סמיכה, נכונה היא במאד מאד, ואין זה נוגע לענין פרנסה. אלא ~~ולכן~~ מובן ג"כ שאין לדחות לימוד האמור נלאחרי החתונה, כי אם להתחיל בזה בהקדם. ובהמשך איזה זמן יוכל להחליט מתי יגמור. והרי התקוה חזקה (ע"פ הפס"ד בהנוגע לשו"ב שצ"ל בלא"ה) בקי גם עתה בהלכות שו"ב וכו' והרי זה חלק חשוב משו"ע יו"ד חלק ראשון.

תקותי שיש לו קביעות עתים בלימוד דא"ח בכל יום ויום, ובהוספה ביום הש"ק אשר קדש הוא לד', וכמבואר הכרח הענין בכו"כ מקומות

בברכה לבשו"ט בכל הנ"ל

בשם כ"ק אדמו"ר שליט"א

מזכיר

בהנוגע לדירה - מובן שיכין דירה ארעית וביחד יבחרו/ימצאו דירה קבועה.

מכתב מהרבי להורי אבי הכלה לקראת נישואיהם

בס"ד.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, ח' אלול תשמ"ב
ברוקלין

מערכת "הערות התמימים ואנ"ש"
מלבורן
ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

מאשר הנני קבלת הקובי י', ותי"ח.

ודבר בעתו -

בימים שהמלך בשדה ומקבל את כולם בסבר פנים יפות ומראה פנים שוחקות לכולם כו'.

הפ"נ שבמכ' יקראו בעת רצון על הציון הק'.

בברכת כתיבה וחתימה טובה

מכתב זה נשלח לחברי מערכת "הערות התמימים ואנ"ש" מלברון שאבי הכלה היה בינהם